# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תבא, כ' אלול, אבות פרק ג'-ד', שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 47 (514)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:18
מוצאי שב"ק....................8:47

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................דניאל א'-ב'
בבלי..........................סוכה נ"ב
ירושלמי.........................נזיר ד'
תוספתא.....................עירובין ו'
רמב"ם..מעשר שני ונטע רבעי י"א

## אַ וָוארְט אוֹיףְ דִי פַּרְשָׁה

תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל, נָאךְ דִי פִילֶע תּוֹכָחָה, דִי שְׁטְרָאף רֵייד, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָוארְנְט אָן דִי אִידְן אַז אוֹיבּ מְ'וֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועט קוּמֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן, זָאגְט דִי תּוֹרָה אַז דָאס וֶועט קוּמֶען וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַ גוּט הַארְץ. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס זָאל קוּמֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים בְּלוֹיז דֶערְפַאר וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "**מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד**", סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶער מִנְהָג, אָדֶער אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, נָאר אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

שִׂמְחָה הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זי"ע הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, מֶער וִוי עֶר וָואלְט וֶוען פַארְדִינְט דִי וֶועלְטְ'ס גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אוּן אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז שִׂמְחָה אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רְפוּאָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין גוּט פַארְוָואס אַלֶע קְלָלוֹת אוּן תּוֹכָחָה קוּמְט וַוייל מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, וַוייל וֶוען אַ אִיד הַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אוּן דַאן וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גוּט, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן דוּרְךְ זַיין שִׂמְחָה.

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ? דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט אוֹיף דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה אַרֵיינְצוּכַאפְּן.** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב) אַז וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז גֶעפַאלְן, זָאל עֶר זוּכְן אוּן טְרֶעפְן דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט אַרֵיינְגֶעכַאפְּט, אוּן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן גוּט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת וָואס עֶר הָאט, אִיז אוֹיךְ דָא גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג, זֶען דִי רַחֲמִים וַחֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, וֶועט עֶר קֶענֶען אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, דָאס וֶועט אִים אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דָאס לֶערְנֶען מִיר אוֹיךְ אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה, דִי מִצְוָה פוּן בְּרֶענְגֶען בִּיכּוּרִים, מְ'דַארְף בְּרֶענְגֶען דִי עֶרְשְׁטֶע גֶעצַייטִיגְטֶע פְרוּכְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, צוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב, צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז. דֶערְפַאר זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק "וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ", דִי מִצְוָה פוּן בִּיכּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט, וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, אוּן דַאן וֶוערְט מֶען שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מְ'דַארְף.

(תּוֹךְ הַנַּחַל כִּי תָבֹא תשע"א)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר, פַארְוָואס מֶען דַארְף פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִּיק בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיסֶער דֶעם זָאל עֶר מַאכְן אַ כְּרוּז עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער סְ'וִויל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר זָאל קוּמֶען צוּם צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן זי"ע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

מֶען זֶעט אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ מִשְׁפָּט, וָואס טוּט עֶר? עֶר זוּכְט אַ לוֹיעֶר, אוּן וָואס מֶער דִי מִשְׁפָּט אִיז הַארְבֶּער זוּכְט עֶר אַ גְרֶעסֶערְן לוֹיעֶר, חָלִילָה וְחַס אַז מֶען הָאט אִים בַּאשְׁטִימְט טוֹיט שְׁטְרָאף, זוּכְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא אִין דֶער וֶועלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיף זַיין טַאטְן אוּן אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער אוּן אוֹיף זַיין שְׁוֶועסְטֶער, "סְ'אִיז מַיין לֶעבְּן", עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר כַאפְּט אוּן פְלִיט צוּ דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, אוּן עֶר בֶּעט זִיךְ אֶפְשָׁר אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

דָא אִיז דָא אַ צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אִיךְ הַאפְּט פַאר אִים אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט יָאר, אַ פַּרְנָסָה'דִיג יָאר, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן וָואס עֶר וֶועט בֶּעטְן.

מִיר זֶעעֶן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס מֶען

<<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, יֶעדֶער אֵיינֶער בָּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסּוּרִים וְכוּ', אוּן וֶוער עֶס וִויל זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי יִסּוּרִים אִיז דָא אֵיין עֵצָה, אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תֵצֵא תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען און דַאוְוענֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס פַּאסִירְט דָאס מִיט דִיר, יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פַארְלֶעשְׁט זִיךְ בַּיי דִיר דִי גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען און דַאוְונֶען, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט פַארְוָואס דָאס פַּאסִירְט; אַמָאל הָאסְטוּ גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען און יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דֶעם גֶעפִיל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי וִוי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער און הֶעכֶער אִין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם און כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפּ גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס וִוי מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, וֶועסְט לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן חֵשֶׁק, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז פְּלוּצְלוּנְג וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר לֶערְנֶען און דַאוְוענֶען.

דֶערְהַאלְט זִיךְ, וַוייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"א)

# גֶעכַאפְּט הֶענְט און פִיס און גֶעלָאפְן

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס צוּ טוּן וֶוען בַּיי עֶנְק אִין דִי חֲסִידוּת אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק פָאהְרן פוּן עֶנְקֶער רֶבִּי; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶס בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן וואוּ דוּ גֵייסְט און וואוּ דוּ פָארְסְט, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְנַגְּדוּת.

מַאךְ זִיךְ אַלֵיינְס אַ חֶשְׁבּוֹן, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ דַארְפְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ פְּרָאצֶעס, עֶס וַוארְט אוֹיף דִיר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערִיכְט, מֶען גֵייט דִיר דַן זַיין אוֹיף תְּפִיסָה וְכַדוֹמֶה, און דוּ וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ לוֹיעֶר עֶרְגֶעץ אִין אַ וַוייטֶע מְדִינָה וָואס עֶר זָאגְט אַז עֶר קֶען דִיר רַאטֶעוֶוען, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן, וָואלְסְט גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם אַ דֵעָה אוֹיבּ יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן? וָואלְסְט בִּכְלַל גֶעטְרַאכְט פוּן אַ צְוֵוייטְן? דוּ וָואלְסְט דָאךְ נָאר גֶעטְרַאכְט פוּן דִיר אַלֵיינְס, דוּ וָואלְסְט גֶעכַאפְּט הֶענְט און פִיס און גֶעלָאפְן צוּם לוֹיעֶר; יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּט'ן, מֶען גֵייט אוּנְז מִשְׁפָּט'ן מִי יִחְיֶה, מִי יָמוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְוענֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן - כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסו) "וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט: 'מִי... וּמִי...' אִיז מְרוּמָז אִינֶעם נוּסַח אַלֶע צָרוֹת און יִסוּרִים וָואס מֶען רֶעכְנְט נִישְׁט אוֹיס אִינֶעם פִּיּוּט".

פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִיק פוּן צְוֵוי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים, וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וָואס זֵיי זָאגְן?! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תז): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"א)

>>>>>>

זָאל נִישְׁט הֶערְן קַיין אוּמְגְלִיקְן, לֵיידֶער הֶערְן מִיר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גֶעשֶׁענִישְׁן וָואס הָאט פַּאסִירְט: מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת מִיט חֳלָאִים רָעִים; און דָא אִיז דָא אַזַא רֶבִּי וָואס עֶר הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ הַבְטָחָה, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִים טוּן אַ טוֹבָה, און וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים? אִיז דֶען דָא אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס דַארְף אָפְּהַאלְטְן?

אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פּוֹעֶל'ט מֶען דָארְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, עֶס אִיז דָא מוֹפְתִים, מֶענְטְשְׁן וָואס דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אָפְּגֶעזָאגְט זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, און זֵיי הָאבְּן דָארְטְן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט, און נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיּוּן נָאר גֶעזֶעצְן און גֶעוֵויינְט און גֶעבֶּעטְן און גֶעוֵויינְט, זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְט. מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אִיבֶּערְדֶעם וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דַארְף מֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סְ'אִיז דָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַזַא הַבְטָחָה, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר זָאל מַאכְן אַ דָגוּשׁ אַז מֶען מוּז קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ בִּין יָא מַקְפִּיד, אֵיי אִיז אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס, פְרֶעגְט מֶען מְמֵילָא אוֹיף מִיר קַשְׁיוֹת, אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא, אָבֶּער צוּ מִיר דַארְף מֶען קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פְרֶעגְט קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר נֶעמְט זַיין רֶענְצֶעלֶע, עֶר לֵייגְט אַרַיין דִי טַלִית און תְּפִילִין, און עֶסְן, און עֶר פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער גֶעזֶעצְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֶערְט דִי דִיבּוּרִים וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן און גֶעמָאנְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט קֶען אָפְּהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָאךְ דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְץ יָאר; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְץ יָאר מִיט חוֹבוֹת, בִּשְׁעַת דִי חֲזַ"ל זָאגְן כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִין לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און דָא אִיז דָא אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ מַבְטִיחַ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וֶועסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה; אִיז דֶען דָא אַ נִסָּיוֹן נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים?

אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, און עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף ווִיסְן אֵיין זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּזַאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן גַאנְץ יוּרָאפּ פוּן גַאנְץ אַמֶערִיקֶע, פוּן גַאנְץ זִיד אַמֶערִיקֶע, פוּן סַאוּט אַפְרִיקֶע, פוּן אוֹיסְטְרַאלְיֶע, פוּן דֶעם גַאנְצְן כַּדוּר הָעוֹלָם קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אִידְן, יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין אַנְדֶערְן לְבוּשׁ, מִיט זַיין אַנְדֶערְן קוּלְטוּר, מִיט זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְזֶען, און מֶען דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶע קוּמֶען דָא זוֹכְן אַ תִּיקוּן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט שְׁפֶּעטְן פוּן קֵיינֶעם.

אוֹיךְ דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען קוּמְט נָאר צוּם רֶבִּי'ן, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען זָאל גֵיין דַאוְוענֶען אִין אַ בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ, מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, סְ'אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן אַלֶע חֲסִידוּת'ן פוּן אַלֶע עֵדָה'ס דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט'ן תִּיקוּן, דֶער תִּיקוּן אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִין דִי ד' אַמּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און דָארְטְן בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער סְ'וֶועט קוּמֶען צוּ אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועט עֶר אִים מְתַקֵּן זַיין מִיט אַזַא תִּיקוּן וָואס סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

אִיךְ מֵיין אַז וֶוער עֶס הֶערְט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז שׁוֹין בַּיי אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ און מְעַכֵּב, און זָאלְסְט אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען מִיט דִיר חֲבֵרִים, און זָאלְסְט מְפַרְסֵם זַיין דֶעם עִנְיָן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

<<<<<<

>>>>>>

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ נְקוּדָה, אַזוֹי וִוי עֶס קוּמֶען אַלֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען וִויסְן אַז יֶעדֶער קוּמְט אוֹיף זַיין תִּיקוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַן אַנְדֶערְן, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט אִין אַ שְׁפִּיטָאל, אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּטוּן מִיט דִי נִירְן, אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אוּן דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט דוּ זָאלְסְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁטֵיינֶער פוּן דִי נִירְן, עֶר קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל, זֶעט עֶר, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי קָאפּ דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי אוֹיגְן, דֶער אִיז בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי הַאנְט, דֶער אִיז דִי פִּיס, דֶער הָאט אִינְטֶערְוִוינֶעס אִין דִי הַאנְט, דֶעם גֶעבְּט מֶען בְּלוּט טְרֶענְסְפְּיָאזְשֶׁען, טְרַאכְט עֶר וָואס הָאבּ אִיךְ דָא צוּ זוּכְן? אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען, גֶעבּ אַ קוּק וָואס דָא זֶעט זִיךְ אוֹיס, חַס וְשָׁלוֹם אַ מְשׁוּגָעִים הוֹיז, גֵייט עֶר אַוֶועק, אִיז דֶען דָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע שׁוֹטֶה וִוי עֶר? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ דָאךְ קוּמֶען הֵיילְן דַיינֶע נִירְן, אֵיי דוּ זֶעסְט דָארְטְן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי קְרַאנְקֶע, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר צוּטוּן, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט זִיךְ הֵיילְן זַיין מַחֲלָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אַוַודַאי זֶעט מֶען דָארְטְן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס דַארְף דִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דוּ דַארְפְסְט קוּקְן נָאר אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט אַן אַנְדֶערְן? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אִיז זִיךְ אַרַיין אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט. אַוַודַאי אִיז דָארְטְן דָא אַלֶע סָארְטְן עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן, אוּמְגֶעוואוּנְטְשֶׁענֶע גֶעסְט, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער זַאךְ, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, וֶוער סְ'קוּמְט הָאט אַ תִּיקוּן, אוּן מְמֵילָא דַארְף אִיךְ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף מִיר, אוֹיף מַיין וַוייבּ, אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער, מֶען הֶערְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן יֶעדְן טָאג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי פּוֹעֶלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אֲרִיכוּת יָמִים וּשְׁנַיִם, פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, אוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

(אַשֶׁר בַּנַחַל אִידִישׁ מִכְתָּב שמ"ב)

>>>>>>

וטיילנו כמה ארוכות וקצרות האיך לדון ולהורות לשואלים בדבר ה' זו הלכה, והראה כוחו הגדול לענות בשפה ברורה בסברא ישרה לעומקא דדינא וקולע אל השערה, וכבר נשמע קולו בבואו אל הקודש בבית הוראה קארלסבורג עוד בחיים חיותו של מרן אמ"ו ז"ל הכ"מ, על רב תבונתו וחכמתו ויראתו להשיב שואלי דבר, ושימש הרבה אצלנו, וכל דרכיו ונתיבותיו שלום ונועם על דרך תוה"ק, ולו נאה ויאה להיות נמנה בין המורי"ם בצדקה, יורה יורה כדת של תורה, ובכן אתן את ברכתי שיתקיים אצלו וה' עמו מלמד שהלכה כמותו בכל מקום, ואל אנשי הקהלה אבקש, אנא ראו להרים קרנו בכבוד, ואליו תשמעון כקטון כגדול, ואז תזכו שיעשה פרי לטובה וכרועה עדרו ירעכם, ובמהרה נזכה שיתקיים הכתוב (ישעיה א כו) ואשיבה שופטים כבראשונה, בהרמת קה"ת וישראל ובנין ביהמ"ק אס"ו.

הכו"ח למען כבוד התוה"ק ועמליה
הק' משה רוטה

אויך דער חשובער דומ"ץ קהל עדת יראים וויען, הרה"ג מוה"ר שמחה שטראהלי שליט"א, האט געשריבן גאר ווארעמע ווערטער פאר די אייַנוואוינער פון שטעטל, אז ער האט אסאך געלערנט מיט'ן דיין שליט"א אין פילע מקצועות אין שלחן ערוך, ער איז מעיד איבער זיין געוואלדיגע התמדת התורה און איבער זיין כח צו פסק'ענען שאלות לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, און ער ענדיגט צו מיט א ברכה אז ער זאל מצליח זיין אין זיין נייעם פאסטן. פאלגנד איז דער לשון המכתב:

בס"ד

ישמח לבי על בשורה טובה ששמעתי מקרית ברסלב בעיר ליבערטי נ"י, העומדת תחת נשיאות ידידי מאז הגה"צ ר' יואל ראטה שליט"א, להכתיר עליהם איש על העדה, להורות להם דבר ה' זו הלכה, ה"ה ש"ב הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א.

והנה באתי להעיד שאני מכיר את הרה"ג הנ"ל כבר משנים רבות, והוא עוסק בתורה הקדושה בהתמדה רבה כמה שנים לטובה ביגיעה רבה לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא בדבר ה' זו הלכה, וכמבואר בגמ' שאין להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד. וטיילתי עמו בהרבה מקצועות בש"ע זה כמה שנים לטובה ונוכחתי לדעת שיודע לדון ולפסוק ולפלפל בסברא ישרה לעומקה של הלכה כדת של תורה.

ובכן אתן את ברכתי שיזכה לדון ולהורות לאמיתה של תורה בלי שום מכשול, ויפוצו מעיינות תורתו חוצה, ללמוד וללמד ולשמור ולעשות מתוך רוב נחת והרחבת הדעת, ויתרחבו גבולי הקדושה והטהרה, ובזכות זה נזכה לביאת משיח צדקנו בב"א.

הכו"ח למען כבוד התורה, ביום ז' אלול תשפ"א לפ"ק
הק' שמחה אהרן שטראהלי

און אזוי ווייטער האבן נאך חשובע דיינים שליט"א געשיקט בריוון ספעציעל צום מעמד, צווישן זיי הרה"ג ר' אלטר אליעזר הורוויץ שליט"א, רב דביהמ"ד קדושת יו"ט סאטמאר ב"פ; הרה"ג ר' שאול יחזקאל שווארץ שליט"א, דומ"ץ דעברעצין; און נאך.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער דיין שליט"א זאל מצליח זיין אין זיין הייליגע ארבעט מיט הרחבת הדעת און אלע ברכות וישועות.

**אלא ד' אמות של הלכה בלבד!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# עֶר גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף פַּארְטָאגְס

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" בְּעֶרֶךְ פַאר אַ יָאר, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז עֶר דָבוּק אִין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז יֶעדֶע נַאכְט וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים נָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג זַיין אִין כּוֹלֵל בַּאזֶעצְט עֶר זִיךְ אוּן הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אַלֶע סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב בִּיז זֵייעֶר שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין בַּאצַייטְנְס צוּ גֵיין אִין כּוֹלֵל.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ דַארְף אִים יָאגְן, מְזַרֵז זַיין אוּן זָאגְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט? (עֶר טְרָאגְט נִישְׁט קַיין זֵייגֶער אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוען אִיךְ זָאג אִים דִי זֵייגֶער וֶוערְט עֶר מַמָּשׁ דֶערְשְׁרָאקְן, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער דִי צַייט אַזוֹי שְׁנֶעל? דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ אִיךְ זָאג אִים נִישְׁט - קֶען עֶר זִיצְן אֲפִילוּ בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אוּן אֲפִילוּ אֶפְשָׁר מֶער).

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ אָן אַ וֶועקֶער זֵייגֶער, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר אִיז מִיד, אִיז אַנְשְׁטָאט דִי וֶועקֶער זֵייגֶער זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן, וֶועקְט עֶס אוֹיף מִיךְ מִיט דִי בֶּעבִּי אוּן דֶעמָאלְט וֶוער אִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, וַוייל דִי בֶּעבִּי וִויל נִישְׁט צוּרִיק אַיינְשְׁלָאפְן, הַאק אִיךְ אָפּ דִי וֶועקֶער זֵייגֶער אוּן דֶעמָאלְט קֶען עֶר זִיכֶער נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין. אוּן אוֹיבּ פְּרוּבִּיר אִיךְ אִים אוֹיפְצוּוֶועקְן דוֹיעֶרְט עֶס זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט, אוּן אוֹיךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיר אוּן שְׁרֵייט (נִישְׁט פַאר דַוְקָא, נָאר אִינְמִיטְן שְׁלָאף): "לָאז מִיר אָפּ! לָאז מִיר שְׁלָאפְן!"

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר, וֶועל אִיךְ זַיין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר.

נ.ב. אִיךְ וִויל צוּלֵייגְן אַז אוֹיךְ עֶמָאצִיאָנֶעל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ זֶען שְׁלָאפְן בִּיז שְׁפֶּעט, וַוייל בַּיי מַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ הָאבְּן אַלֶע "אוֹיפְגֶעוֶועקְט דִי זוּן", קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין מְזַלְזֵל אִין אִים צוּלִיבְּ'ן אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם? אַז דֶער מַאן זִיצְט בַּיינַאכְט אִין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם?! אִיר זֶענְט דָאךְ דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי אוֹיף דִי וֶועלְט! אִיךְ וואוּנְטְשׁ פַאר אַלֶעמֶען אַזֶעלְכֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, זֵיי זָאלְן הָאבְּן זֵייעֶרֶע מֶענֶער אִין שְׁטוּבּ בַּיינַאכְט זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען אִיר וָואלְט וֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֵייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים בַּיינַאכְט, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט עֶר גֶעפִינְט זִיךְ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּן עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִים הֶערְט עֶר נִישְׁט, וֶוען מֶען רוּפְט אִים זָאגְט עֶר "אִיךְ קוּם שׁוֹין, אִיךְ קוּם שׁוֹין" - דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אַז אֵייעֶר מַאן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן - זֶענְט אִיר דָאךְ דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְרוֹי אוֹיף דֶער וֶועלְט.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְוֶועקְן; אַז אֵייעֶר מַאן בֶּעט אַייךְ "וֶועק מִיר אוֹיף", זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְוֶועקְן, אַז אֵייעֶר מַאן שְׁטֶעלְט אָן זַיין זֵייגֶער אוּן עֶר הֶערְט דָאס נִישְׁט - זָאלְט אִיר אִים הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין. זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיר זֶענְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת; וֶוען אֵייעֶר מַאן וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְשְׁטֵיין לֶערְנֶען דֶעמָאלְט וָואלְט אִיר אִים נִישְׁט גֶעטָארְט וֶועקְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ פְרוֹי צוּ זַיין אַ פָּאלִיצִיאַנְטְקֶע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אַז עֶר בֶּעט אַייךְ "הֶעלְף מִיר", עֶר שְׁטֶעלְט אָן אַ זֵייגֶער אוּן עֶר הֶערְט דָאס נִישְׁט - זָאלְט אִיר אִים הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֵיין. אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם, אַזוֹי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָן?" אוֹיף וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים וֶועלְן דִי פְרוֹיעֶן גֵיין אִין גַן עֵדֶן אוּן הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְהוּ לְבֵי כְנִשְׁתָּא וּבְאַתְנוּיֵי

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

## ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

## זמן אמירת סליחות בבית מדרשינו מוצאי שב"ק פ' תבא בשעה 1:00

>>>>>>

גֶבְרַיְהוּ בֵּי רַבָּנַן, וְנָטְרִין לְגַבְרַיְהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנַן", וַוייל זֵיי הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער גֵיין אִין חֵדֶר אוּן זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס אִיז דָא עֶפֶּעס בֶּעסֶערְס פַאר אַ פְרוֹי אַז זִי הָאט אַ מַאן וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה? דָאס דַארְף זַיין דִי גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן פוּן יֶעדֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי, דָאס דַארְף זַיין אִיר גֶעבֶּעט, אִירֶע תְּפִילוֹת: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין מַאן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה"; דִי לִיפְּן דַארְפְן אַ גַאנְצֶע צַייט שֶׁעפְּשֶׁען דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער זָאלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִיר".

אַז אֵייעֶר מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וִוי אֵייעֶר טַאטֶע אוּן בְּרִידֶער דַארְף אַייךְ דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין, אִיר וִוילְט אַוַדַאי נִישְׁט אַז אֵייעֶר מַאן זָאל אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן אוֹיף אַייךְ אוֹיבּ אִיר זֶענְט גֶענוּג גוּט אַזוֹי וִוי זַיין מַאמֶע אוּן מִשְׁפָּחָה; מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן פוּנֶעם מַאן אָדֶער קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אוּן דֶער מֶענְטְשׁ, זֵיי זָאלְן נָאכְטוּן דֶעם אוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף זוּכְן דָאס גוּטְס דָאס שֵׁיינְקֵייט – אִין אַ צְוֵוייטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דְרֵייט אוֹיס אֵייעֶר בְּלִיק, הֵייבְּט אָן קוּקְן דָאס גוּטְס אִין אֵייעֶר מַאן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אוֹיפְוֶועקְן, אַבִּי דֶער מַאן זָאל גֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, אֲפִילוּ פַאר אַ סָפֵק לוֹינְט זִיךְ דָאס.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תֵּצֵא תשפ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פרישע אפדעיטס פון די אוקריינע גרעניצן

פילע צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט גרייטן זיך מיט גרויס התרגשות און התעוררות צו פארן צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה.

נאכדעם וואס די פארגאנגענע יאר זענען ליידער די גרעניצן געווען פארשלאסן, און פילע אידן האבן ליידער נישט געקענט זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה, האט מען אין לויף פונעם יאר אריינגעלייגט גאר אסאך תפלות אז מ'זאל קענען אנקומען גרינגערהייט קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ב, און עס שטעלט זיך ארויס אז דאס יאר האבן די ארטיגע באאמטע יא אן אינטערעסע אז אידן זאלן קומען אויף ראש השנה, און האבן פארלייכטערט די רעגולאציעס אז מער מענטשן זאלן קענען קומען גרינגערערהייט.

אלע רעגולאציעס האבן מיר שוין געמאלדן אין די פארגאנגענע וואכן. ס'איז וויכטיג אנצומערקן אז אויף אלע פליגערס און אין די עירפארטס דארף מען שטענדיג האבן א מאסק אויפ'ן געזיכט, וואס פארדעקט די מויל און די נאז, ס'איז טאקע נישט באקוועם, אבער ס'לוינט נישט זיך איינצורייסן מיט די מאנשאפט, און איינשטעלן מיט דעם אז מ'זאל חס ושלום ווערן אראפגעפירט פונ'ם פליגער, און נישט קענען אנקומען צו הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

***צוגעלייגט נאך א טשארטער פליגער אויף צוריק***

נאכדעם וואס אלע זיצן זענען שוין פארקויפט געווארן אויפ'ן טשארטער פליגער וואס פארט און קומט דירעקט פון ניו יארק קיין קיעוו און צוריק, אן קיין סטאפ, איז געמאלדן געווארן דורך די "פלען איט רייט" טרעוול פירמע אז זיי האבן צוגעלייגט נאך א טשארטער פליגער אויפ'ן וועג צוריק, צו קענען נאכקומען די גרויסע פארלאנג דערויף.

***דערמאנונג צו באשטעלן פאראויס קאוויד טעסטינג אומאן***

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף זיין צוגעשטעלט צוויי טעסטינג צענטערן אין אומאן דורך "פלען איט רייט", אויף צוויי לאקאציעס. אינעם בנין היכל הקודש, און אויף די פושקאנא גאס. אזוי ווי אסאך וועלן דארפן האבן קאוויד טעסטינג אנקומענדיג קיין אומאן, און יעדער אן אויסנאם וועט דארפן א קאוויד טעסט ביים צוריקפארן נאך ראש השנה.

מ'דארף זיך רעגיסטרירן און באצאלן פון פאראויס, ווייל אנדערש וועט נישט זיין גענוג צייט אין אומאן זיך צו קענען אפגעבן מיט יעדן איינעם. ביים זיך איינשרייבן דארף מען אויסוועלן ביי וועלכע לאקאציע מ'וויל נעמען דעם טעסט, און אויב מ'דארף איינס אדער צוויי טעססטס.

מ'קען זיך איינשרייבן ביי פלען איט רייט, אויף 845-678-3555. אדער אויף flytouman.com

***זיצן אין ביהמ"ד היכל הקודש אין אומאן***

אין די יעצטיגע טעג הויבט מען שוין אן פארדינגען זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן. דער בית המדרש וועט אי"ה זיין אפן פאר יעדן איינעם, אפילו פאר ווער ס'האט נישט געדינגען א בעט אינעם בנין.

מאכט זיכער צו דינגען אייער זיץ ווי פריער, ווי לאנג עס איז דא אן אויסוואל פון גוטע זיצן, צו קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און התעוררות, אויסצו'פועל'ן א זיס לעכטיג יאר. מ'קען דינגען א זיץ דורכ'ן רופן 347-404-8738. לאזט א מעסידזש און מ'וועט אייך אי"ה צוריק רופן.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

***

# בריוון פון חשובע רבנים און דיינים שליט"א צו די הכתרה פונעם דיין שליט"א

אנשי שלומינו זענען נאך אונטער'ן רושם פון דעם גאר געהויבענעם און פרייליכן "מעמד הכתרה" וואס מ'האט מיטגעלעבט די פארגאנגענע וואך זונטאג, ווען מען האט אויפגענומען דעם חשובן דיין, הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א, אלס דיין ומורה צדק אין קרית ברסלב ליבערטי.

פילע רבנים און דיינים שליט"א, ספעציעל די ביי וועמען דער דיין שליט"א האט געלערנט און גענומען שימוש, האבן געשריבן בריוון צו די קהלה, איבער דעם גרויסן כח התורה וההוראה פונעם חשובן דיין שליט"א, אז מ'זאל אויפנעמען דעם דיין בכבוד הראוי, און זיך צוהערן און פאלגן זיינע פסקים, און אזוי וועט מען זייער שיין מצליח זיין בעז"ה.

צווישן די פילע בריוו שטארט ארויס דער מכתב קודש פונעם קארסלבורגער רב שליט"א, וואס האט זיך נישט געקענט באטייליגן ביים גרויסן מעמד, אזוי ווי ער געפונט זיך יעצט אין עיה"ק מירון אין ארץ ישראל, וואס דרוקט אויס זיינע פריידיגע געפילן אויף דעם גרויסן געשעעניש, ער ברענגט ארויס די מעלות און חשיבות פונעם חשובן דיין שליט"א, און בעט ביי די אנשי הקהלה זיי זאלן זיך צוהערן צום דיין, און פאלגן זיינע פסקים. פאלגנד איז דער לשון פונעם מכתב קודש:

> **בעזהשי"ת**
>
> **כ"ו אב, יומא דהילולא של מרן רבינו הק' זי"ע, לסדר לשכנו תדרשו ובאת, פעיה"ק מירון תו"ב תשפ"א לפ"ק**
>
> **בשורה טובה תדשן עצם ותחד לבבינו, בשמענו שהגיע עת משוש בעיר המעיטרה קרית ברסלב ליבערטי נוא יארק, העומדת תחת נשיאותו של בני בכורי הרגה"צ ר' יואל שליט"א, להעמיד עליהם איש על העדה לישב על כסא ההוראה אשר יצא ואשר יבא לפניהם לפי רוחו של כל אחד ואחד ויסבול עול הציבור, ה"ה המופלא ומופלג במ"ח דברים שהתורה נקנית בהן, השקדן העצום, כבוד הרה"ג מוהר"ר יונה זינגער שליט"א, ביודעי ומכירי קאמינא, כבר שנים רבים דעייל ונפיק אצלינו,**

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יצחק** ב"ר **משה פעלדמאן** הי"ו

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

בת מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו

***

הבחור **אברהם מרדכי סאלי** נ"י

צו זיין שמחת בר מצוה למזל טוב

## די הייליגע טעג

דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף ראש השנה, יום כיפור, און סוכות

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >